STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05135

DER KESL-GRUB -- POYLN

P. Novik

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Susan Berson & Charles Orgel
in memory of
their beloved grandparents, Rose & Jacob Orgel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער
קעסל-גרוב
פּוילן
פון פּ. נאָוויק

דער קעסל-גרוב — פוילן

פון פ. נאָוויק

•

ארויסגעגעבן פון דער

אידישער ביוראָ ביי דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

פון אַמעריקע

•

ניו־יאָרק, 1933

•

פּרייז 3 סענט

49

ASTORIA PRESS, 61 E. 4TH ST., NEW YORK

1. אַ לאַנד פון מינדערהייט־נאַציעס

פּוילישער אימפּעריאַליזם

גענעראַל פּאַש האָט געזאָגט, אַז די קומענדיקע מלחמה וועט זיך אָנהויבן ביים דאַנציגער קאָרידאָר. ללאָיד דזשאָרדזש האָט געזאָגט, אַז פּוילן האָט ביי זיך פינף עלזאַס־לאָטרינגען: דעם קאָרידאָר, אויבער־שלעזיע, ווילנע, מערב־אוקראַינע און מערב־ווייס־רוסלאַנד. קלאָר איז איינס: עסטרייך איז ניט געשטאָרבן. עס איז דאָ אין מזרח־אייראָפּע אַ לאַנד, וואָס, אין אַ קלענערער מאָס, שטעלט עס פאָר מיט זיך עסטרייך, דאָס נאַציאָנאַליטעטן־לאַנד, דעם קעסל־גרוב פאַר מינדערהייט־נאַציעס. דאָס לאַנד איז — פּוילן.

פּוילן האָט ניט קיין קאָלאָניעס אַף אַנדערע קאָנטינענטן. אָבער פּוילן, פּוילישער אימפּעריאַליזם, האָט קאָלאָניעס ביי זיך אין לאַנד גופא — די „קרעסן“ (גרעניץ־געביטן), געגנטן וואו נאַציאָנאַלע מינדערהייטן מאַכן אויס די מערהייט פון דער באַפעלקערונג, אָדער אַ באַדייטנדיקע מינדערהייט.

עס איז דאָ פּוילישער אימפּעריאַליזם — „פון דניעפּער ביזן באַלטישן ים“. מינסק און קיעוו מוזן געהערן צו פּוילן. אויך דער דייטשישער טייל פון אויבער־שלעזיע. און דאַנציג. און ווילנע איז ניט גענוג — מ'האָט צופיל איבערגעלאָזט ביי ליטע. פּוילישער אימפּעריאַליזם שאַרפט די ציין, שטייט אַ באַוואָפנטער קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז אַף מעסער־שטעך מיט ליטע און דייטשלאַנד.

ווי אין פראַנקרייך און ענגלאַנד, זיינען דאָ די פירער פון סאָציאַל־פאַשיזם איין האַנט מיט די פירער פון דער בורזשואַזיע. באַלד נאָך נאָוועמבער, 1918, ווען די דייטשישע אַרמיי, וואָס האָט געהאַלטן פּוילן, איז צוזאַמענגעבראָכן, און עס איז געקומען די בורזשואַזע „אומאָפּהענגיקייט“ פון דער פּוילישער רעפּובליק, איז די פירערשאַפט פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּע־פּע־עס) געווען אין די ערשטע רייען פון די אימפּעריאַליסטן, געטראָגן הויך

די לאָזונגען: „קיין קיעוו“, „קיין דאַנציג“, „קיין מינסק“, און אזוי ווייט ווי ביז סמאָלענסק! מען האָט געצונדן די מוחות וועגן די „היסטאָרישע גרעניצן פון פוילן“.

אזוי האָט מען געצויגן די ברייטע מאַסן אין אימפּעריאליסטיש־שאָוויניסטישן שטראָם, אָפּגעריסן זיי פון קלאַסנקאַמף, פון קלאַסן־רעוואָלוציע. און אזוי פּרובירט מען נוצן דעם מיטל עד היום: אויסברייטן די גרעניצן אַפן רעכענונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַפן רעכענונג פון דייטשלאַנד, פון ליטע. דאָס — גיט מען צו פאַרשטיין — וועט ראַטעווען פון נויט און הונגער.

דער פּוילישער אימפּעריאליזם האָט א רויב געטאָן מיט דער הילף פונם רויבערישן ווערסאַלער טראַקטאַט. דעם דאַנציגער קאָרידאָר, א טייל אויבער־שלעזיע, די געגנטן פון מערב־ווייס־רוסלאַנד — אַפן מזרח פון בוג — וואָלין און מערב־אוקראַינע, האָט דער טראַקטאַט געגעבן. דאָס איבעריקע — א גרעסערע שטיק אויבער־שלעזיע, ווילנע, און אנדערע געביטן, האָט מען אליין גענומען — מיט דער הילף פונם שווערד וואָס פראַנקרייך און ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן אריינגערוקט אין פּילסודסקי'ס הענט. אז פּילסודסקי האָט געדאַרפט, האָט אים געהאָלפן דער פירער פון דער נאַראָדאָווע דעמאָקראַטיע (ענ־דע) קאָרפאַנטי, האָט אים געהאָלפן פאַדערעווסקי, האָט אים געהאָלפן גענעראַל זשעליגאָווסקי, האָט אים געהאָלפן די פירער־שאַפט פון פּע־פּע־עס — מאַראַטשעווסקי, דאַשינסקי.

האָט מען איינגעשלונגען א גרויסע פּאַרציע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. איז פוילן א נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט.

לויט דער אָפיציעלער ציילונג פון 1921, איז אויסגעקומען, אז די באַפעלקערונג פון פוילן האָט זיך דעמאָלט אזוי געטיילט:

פּאָליאַקן —	18,812,000 —	69.2 פּראָצענט —
אוקראַאינער	3,883,000 —	14.0 פּראָצענט
אידן — —	2,123,000 —	7.8 פּראָצענט
ווייס־רוסן	1,057,000 —	3.9 פּראָצענט
דייטשן —	1,036,000 —	3.8 פּראָצענט
ליטווינער	72,000 —	0.3 פּראָצענט
אַנדערע —	210,000 —	1.0 פּראָצענט
צוזאַמען —	27,193,000 —	100 פּראָצענט

אויך לויט אָט־דער סטאַטיסטיק קומט אויס, אַז העכער דרייסיק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג פון פּוילן באַשטייט פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אָבער די סטאַטיסטיק איז אַן אימפּעריאַליסטישע, אַ ליגנערישע. דאָס וועט אפשר ווערן פאַרשטענדלעך דערפון, וואָס די אויבנגעבראַכטע ציילונג האָט באַרעכנט די אידישע באַפעלקערונג אין פּוילן (אין 1921) אַף 2 מיליאָן מיט 123 טויזנט — מיט צום ווייניקסטן אַ האַלבן מיליאָן ווייניקער ווי די צאָל איז געווען אין אמת׳ן.

אַ דייטשישע סטאַטיסטיק, אַפן גרונט פון מאַטעריאַלן פון פאַר דער מלחמה, האַלט, אַז אין דער פּוילישער רעפּובליק מאַכן אויס די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אַזוי הויך ווי 45 פּראָצענט (44.5) פון דער באַפעלקערונג. לויט דער סטאַטיסטיק, מאַכן אידן אויס 11.4 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, אוקראַינער — 18.2 פּראָצענט, דייטשן — 7.3 פּראָצענט, ווייס־רוסן — 5.8, ליטווינער — 0.9, אַנדערע — 0.9. די אוקראַינער האַלטן, אַז זיי אַליין מאַכן אויס העכער 20 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג פון פּוילן. די ווייס־רוסן האַלטן, אַז זיי מאַכן אויס 7 פּראָצענט. אידן האָבן שוין אין 1921 אויסגעמאַכט 10 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג פון פּוילן און ניט 7.8 פּראָצענט, ווי דער אָפיציעלער צענזוס פון 1921 האָט אָנגעגעבן. מען מעג דערום באַשטימט אָננעמען, אַז פּוילן האָט ביי זיך צום ווייניקסטן 40 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

ווי אַזוי ווערן זיי באַהאַנדלט?

דער ווערסאַלער טראַקטאַט האָט זיי געזאָגט באַשיצן. אַ ספּעציעלן אַרטיקל, 93, האָט מען אין טראַקטאַט אריינגעשטעלט, וואָס האָט געזאָגט באַוואָרענען מיט פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע רעכטן די מינדערהייטן אין פּוילן. דער פּאַראַגראַף איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ שטיקל שמאַטע־פּאַפּיר פון סאַמע אָנהויב. איצט איז דאָס אינגאַנצן אַ פאַרגעסענע זאַך.

די פּוילישע רעגירונג ווענדט אָן קאָלאָניזאַטאָרישע מעטאָדן אין מערב־אוקראַינע, אין מערב־ווייס־רוסלאַנד, אין דאַנציגער קאָרידאָר, אין אויבער־שלעזיע, ביי דער ליטווישער גרעניץ—אומעטום וואו די מערהייט, אָדער אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער באַפעלקערונג, באַשטייט פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. זי

האט דא אירע פאלאניזאטארם — די לייט וואס פארשפרייטן „קולטור", פארנעמען זיך מיט פאלאניזאציע; די קאטוילישע קירך, וואס פארשפרייט די תורה פון רוים; גאנצע מחנות „אוזשאנדניקעס" (באאמטע), וואס זיינען די דירעקטע אגענטן פון דער קאלאניזאטארישער מאכט; און, פארשטייט זיך, דעם באיאנעט, וועלכער גייט גלייך הינטערן גלח און הינטער דעם קולטוריסטישן פאלאניזאטאר. דא הערשעוועט דער זשאנדאר, דא וואנדט אן די דעפענסיווע (אכראנקע) אירע שווידערלעכסטע מעטאדן. דא בושעוועט דער שטייער־אינספעקטאר. דא ווערן רואינירט פויערים, די ארבעטערשאפט, דער קליין־הענדלער. מיר געפינען זיך אין געביטן פון אימפעריאליסטישער קאלאניזאציע.

עקאנאמישער אנטיסעמיטיזם

דער עקאנאמישער אנטיסעמיטיזם אין גאנץ פוילן, און באזונדערס אין די „קרעסן", איז נאר א טייל פון דער פאליטיק פון אויסראטונג, וואס די פוילישע רעגירונג ווענדט אן בנוגע אלע מינדערהייטן. די פארפאלגונגען אף דער אידישער שפראך זיינען נאר א בלאסער אפקלאנג פון די אומגעהויער־שארפערע פארפאלגונגען אף דער אוקראינישער שפראך אין מערב־אוקראינע.

די פוילישע רעגירונג רויבט אוועק א *דריטל פון דער גאנצער הכנסה פון פאלק* אף אויסהאלטן די ארמיי און דעם מלוכה־אפאראט, אף אויסהאלטן די אונטערדריקער אין *גאנצן* לאנד און די קאלאניזאטארם אין די „פרעמדע" געביטן. פון יעדע הונדערט גראשן (1 זלאטע) הכנסה גייט אוועק העכער 30 גראשן פארן אפאראט. מיט דער סומע זוכט מען אונטערצוקויפן עלעמענטן פון דער פוילישער באפעלקערונג, זיי זאלן שטיין אין דער פילסודסקי־רעגירונג. די נאציאנאלע מינדערהייטן ווערן צום אפאראט ניט צוגעלאזט. זיי דארפן טאן איינס: צאלן שטייערן, די שווערסטע שטייערן, שטייערן וואס רואינירן, נעמען אפ דעם באדן פאר עקזיסטענץ.

אין דעם אפאראט פון דער פוילישער רעגירונג זיינען שוין אין 1923 געווען 432,283 באאמטע. ווען די אידישע באפעלקערונג וואלט צוגעלאזט געווארן צו מלוכה־שטעלעס אין דער פראפארציע פון איר

גרויס אין לאנד, וואלט אין דער צאל געדארפט זיין העכער 40 טויזנט אידישע באאמטע. געווען איז, אין 1923, 3,870. איצט איז שוין די צאל זייערע פ י ל ק ל ע נ ע ר — ווייל אין גאליציע, וואו די עסטרייכישע מאכט האט געלאזן אידישע מלוכה־אנגעשטעלטע, איז פארגעקומען א ריניקונג. די צאל אידישע מלוכה־אנגעשטעלטע איז איצט פיל קלענער ווי 3,870, בעת די אלגעמיינע צאל איז געוואקסן.

דער עקאנאמישער אנטיסעמיטיזם, ווי באקאנט, גייט א סך ווייטער ווי ניט צולאזן אידן צו מלוכה־שטעלעס. עס איז באקאנט דאס אויסרייניקן אידן פון די אינדוסטריעס, וואס זיינען מאנאפאליזירט געווארן דורך דער פוילישער רעגירונג. אין דער טאבאק־אינדוסטריע איז, לויט א מאטעריאל־זאמלונג פון מערץ, 1885, שוין געווען 1,407 אידישע ארבעטער בלויז אין ווארשע אליין. און אינמיטן 1932, האט זיך געפונען אין דער טאבאק־אינדוסטריע אין ווארשע איין (1) אידישער ארבעטער... די באקאנטע שערעשעווסקי־פאבריק פון גראדנע, וועלכע האט געהאט א מערהייט אידישע ארבעטער, איז איצט כמעט ווי אידן־ריין. אין דער גאנצער אינדוסטריע, וועלכע באשעפטיקט העכער 12 טויזנט ארבעטער, איז אין אנהויב 1932 געווען עטוואס העכער פון 1 פראצענט (1.2%) אידישע ארבעטער, און זייער צאל ווערט אלץ איינגעשרומפן.

דאס איז נאר איין ביישפיל פון א פעסטער פאליטיק פון עקאנאמישער אויסראטונג בנוגע אידן, ווי בנוגע א ל ע מינדערהייטן. עס איז באקאנט, וואס די פוילישע רעגירונג האט אפגעטאן אין בעקער־פאך. דא האט מען דורך א כלומר'שטן פארזוך צו מעכאניזירן די בעקערייען ארויסגעשלאגן פון זייערע פאזיציעס מאסן קליינע בעקער, מייסטנס אידישע. דורך א צעך־עקזאמען, וואס מען האט איינגעפירט פאר בעלמעלאכעס, האט מען ביי צענדליקער טויזנטער שוסטער־קוסטארן און שניידער־קוסטארן צוגענומען דאס רעכט פון האבן לערן־אינגלעך, אדער געזעלן.

דער עקאנאמישער אנטיסעמיטיזם באריהרט הויפטזעכלעך די א ר י מ ע אידישע מאסן, דעם קליין־קוסטאר און דעם אידישן ארבעטער. די גרויסע אידישע פאבריקאנטן, וועלכע שפילן א באדייטנדיקע ראל אין דער פוילישער אינדוסטריע, גייען דא האנט אין האנט מיט דער רעגירונג און מיט דער נאראדאווע

דעמאָקראַטיע, און לאָזן ניט צו קיין אידישע אַרבע־טער אין די גרויסע פאַבריקן.

אַ סטאַטיסטיק, וואָס די „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע“ האָט געזאַמלט אין 1921, וועגן דער צאָל אידישע אַרבעטער אין אידישע פאַבריקן אין לאָדז און וואַרשע, גיט אָן אַזאַ פּראָצענט אידישע אַרבעטער אַף די גרעסערע און קלענערע אונטערנעמונגען:

גרויס פון אונטערנעמונג	לאָדז	וואַרשע
מיט איין אַרבעטער	99.5%	99.1%
" 3—2 אַרבעטער	97.7	97.4
" 5—4 אַרבעטער	94.7	95.0
" 10—6 אַרבעטער	82.3	91.9
" 15—11 אַרבעטער	60.2	82.8
" 20—16 אַרבעטער	53.2	82.0
" 30—21 אַרבעטער	40.2	65.9
" 50—31 אַרבעטער	21.9	66.6
" 51 און מער אַרבעטער	14.8	58.1

מיר זעען דאָ אַזאַ פּראָצעס: וואָס גרעסער די אונטערנעמונג, אַלץ מער וועדט פון איר באַזייטיקט דער אידישער אַרבעטער. און דאָ רעדט זיך פון א י ד י ש ע אונטערנעמונגען. אין לאָדז איז די לאַגע ערגער ווי אין וואַרשע, ווייל די טעקסטיל־אינ־דוסטריע, וואו די פּאַזנאַנסקיס און אַנדערע אידישע פאַבריקאַנטן שפּילן די ערשטע פידל, און וואו די אינדוסטריע איז צום מייסטן קאָנצענטרירט, איז די צאָל אידישע אַרבעטער אין די גרויסע פאַבריקן — די קלענסטע (ווייניקער פון 15%).

אונטערן אויסרייד פון שבת־רו, אָדער אונטער אַנ־דערע אויסריידן, טוען די חסידיש־נגיד׳ישע פאַברי־קאַנטן די אַרבעט פון דער רעגירונג און פון דער נאַראָדאָווע דעמאָקראַטיע און האַלטן די טויערן פון זייערע פאַבריקן פאַרמאַכט פאַרן אידישן אַרבעטער, און העלפן אַרויסשלאָגן פון זייערע פּאָזיציעס די קליין־קוסטאַרן, וועלכע מאַכן אויס זייער א גרויסן פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג, און דורכ־דעם אויך די אידישע אַרבעטער, וואָס זיינען גע־צוואונגען צו זוכן אַרבעט הויפּטזעכלעך אין די קליינע אונטערנעמונגען.

דער אידישער אַרבעטער איז צוליב אַזאַ לאַגע אפילו אין די „גוטע צייטן“ געוועזן באַזייטיקט פון אַרבעטלאָזיקייט־פאַרזיכערונג, ווייל אָט־די פאַרזיכע־רונג איז ניט אָנגעווענדט געוואָרן אַף אונטערנעמונ־

גען מיט ווייניקער ווי 5 אַרבעטער. איצט האָט מען שוין אָט־די הילף, ווי אויך די הילף פון די קראַנקן־קאַסעס, כמעט ווי ליקווידירט, פאַר אַלע אַרבעטער.

די אויסראָטונג־פּאָליטיק פון דער פּילסודסקי־רעגירונג בנוגע די אידישע מאַסן, האָט אין נאָוועמבער געצוואונגען דעם סעים־דעפּוטאַט, דר. יהושע טהאָן, אין אַ רעדע אין סעים, זאָגן דאָס פאָלגנדיקע:

„די אידישע באַפעלקערונג שטייט פאַר אַן אָפּגרונט און איז פאַראָרעמט ביזן גרונט. קיין חידוש ניט, וואָס זי איז געקומען צו אַזאַ טרויעריקן צושטאַנד, ווייל ניט נאָר קיינער זאָרגט ניט פאַר אידן, ניט נאָר וואָס אונזער רעגירונג פאַרלירט ניט קיין איין ווײַלע אַף צו זאָרגן פאַר דער אידישער באַפעלקערונג, — אַ באַפעלקערונג, וואָס בילדעט 10% אין דער גאַנצער מלוכה, נאָר זי טוט אַלץ וואָס זי קען דער דאָזיקער באַפעלקערונג צו שאַדן. יעדע ווירטשאַפטלעכע רעפאָרם גייט איבער אידישע טויטע קערפּערס.“

ווידעראַמאָל: וואָס עס קומט פאַר צווישן דער אידישער באַפעלקערונג, קומט פאַר, אָפט אין אַ פיל שאַרפערער מאָס, צווישן די אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

ווי שווער די שטייערן זאָלן זיך ניט לייגן אַף דעם אידישן קרעמער, לייגן זיי זיך נאָך שווערער אַף דעם אוקראַינישן און ווייס־רוסישן פּויער. דאָ ליידט ער, דער פּויער, סיי אַלס פּויער, צוגלייך מיטן פּוילישן, און סיי אַלס מיטגליד פון אַ מינדערהייט־נאַציע. און ווי שטאַרק עס זאָל ניט בושעווען „גראַבסקי׳ס ווענגעלע“ (דאָס ווענגעלע, וואָס פירט אוועק די מעבל פונם אידישן קרעמער; דאָס ווענגעלע טראָגט דעם נאָמען פון געוועזענעם פינאַנץ־מיניסטער פון דער ען־דע־קישער רעגירונג, גראַבסקי, וועלכער האָט אָנגעהויבן נאָך אין 1924, און וועמעס פּאָליטיק די פּילסודסקי רעגירונג זעצט פאָר און האַלט אין איין פאַרשטאַרקן), — ווי שטאַרק „גראַבסקי׳ס ווענגעלע“ זאָל ניט בושעווען צווישן די אידישע קרעמער, בושעוועט נאָך שטאַרקער דער שטייער־אינספּעקטאָר אַפּן דאָרף, וואו ער קומט צונעמען די לעצטע קו, דעם לעצטן פערד. און ערשט נאָכדעם ווי אַלצדינג ווערט צוגענומען, בלייבט נאָך דער פּויער אַ פאַרשולדיקטער ביי דער פּילסודסקי־רעגירונג.

אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל, וואָס איז היינטיקן זומער געווען פאַרעפנטלעכט אין „קוריער ווארשאַווסקי” (ציטירט לויטן מינסקער „ראַבאָטשי” פון 3טן יולי):

„אין זאַוועריאַנסקער פּאָוויאַט האָט מען ביים פויער וואַלענטי רודאַגאַ, פאַר ניט באַצאָלטע שטייערן, פאַרקויפט זיין ארבעטס־פערד, פאַר פיר זלאָטעס מיט 50 גראָשן (ארום 50 סענט). די בהמה — פאַר 3 זלאָטעס (33 סענט), דאָס קעלבל — אַ זלאָטע מיט 80 גראָשן (ארום 20 סענט), דעם וואָגן — פאַר 3 זלאָטעס, (33ס.)”

אָט־דער שווידערלעכער אַקט איז אַ מוסטער פון די אַלגעמיינע פאַרפאָלגונגען קעגן דעם פויערים־קלאַס, פונקט ווי די פאַרפאָלגונגען קעגן אידישן אַרבעטער זיינען אַן אויסדרוק פון די אַלגעמיינע פאַר־פאָלגונגען קעגן דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס. אָבער צווישן די אוקראַינישע פויערים, פונקט ווי צווישן די אידישע אַרבעטער און קליינבירגער, בושעוועט די מאַכט צום שטאַרקסטן.

די שווידערלעכע אויסראָטונג־פּאָליטיק האָט גע־טריבן די אוקראַינישע פויערים פון ליסקער פּאָוויאַט, וואָלין, צו אַן אויפשטאַנד היינטיקן יולי. צען טויזנט פויערים, מיט קאָסעס און העק, האָבן אַנטוואָפנט זשאַנדאַרן, וואָס זיינען געקומען איינמאָנען דישטיי־ערן. מיליטערישע שטראָף־עקספּעדיציעס זיינען גע־שיקט געוואָרן קיין ליסק, באַגלייט מיט באָמבע־עראָ־פּלאַנען. פויערים זיינען געפאַלן טויט. פיל זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. דריי פויערים זיינען פאַר’־משפּט געוואָרן צו דער תליה, און נאָר דער מאַסן־פּראָטעסט, אָנגעפירט פון דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי, האָט געצוואונגען מען זאָל דעם טויט־אורטייל פאַרבייטן — מיט לעבנסלענגלעכער געפענגעניש...

אַן אַנדער פויערים־אויפשטאַנד, אַ קלענערער, איז פאָרגעקומען אין פּאָלעסיע. אָבער דאָ קומען מיר אריין אין דער ספערע פון בלוטיקער אויסזויגונג פונם גאַנצן פויערים־קלאַס און פון אַלע האַרעפּאַשני־קעס אין פּוילן. מיר קומען אריין אין דער ספערע פון עקאָנאָמישן קריזיס.

2. דער עקאָנאָמישער חורבן

דעם פויער’ס לאַגע

פּוילן איז אַן אַגראַר־לאַנד. פון די 30 מיליאָן איינוואוינער געפינט זיך 22 מיליאָן אין די אַגרי־

קולטור־געביטן, און אַט־די העכער צוויי־דריטל פון דער באַפעלקערונג ראַנגלען זיך שוין יאָרן אין די קלאַמערן פון אַ ביטערן קריזיס, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ חורבן פון דער גאַנצער ווירטשאַפט פון לאַנד.

פוילן פאַרמאָגט אַ גרויסע שליאַכטע, אַ פּריצים־קלאַס. פערציק פּראָצענט פון דעם שטח פון לאַנד געפינט זיך אין די הענט פון זיבעצן טויזנט פּריצישע פאַמיליעס. זיי פאַרמאָגן 10 מיליאָן העקטאַר ערד. גרויסע ערד־פאָנדן געפינען זיך ביים שיכט קולאַקעס און ביי די פאַרמעגלעכע פּויערים. גאַנצע 65 פּראָצענט פון אַלע פּויערשע ווירטשאַפטן האָבן פאַר זיך ניט מער ווי 4 מיליאָן העקטאַר. דער דורכשניט פון אַ פּויערשער באַלעבאַטישקייט איז 2 און אַ האַלב העקטאַר לאַנד (אַרום 7 אַקער).

לויט דער אָפיציעלער פאָלקס־ציילונג פון 1921 איז אויסגעקומען, אַז ווייניקער ווי אַ דריטל פון 1 פּראָצענט (0.3) פון דער צאָל ווירטשאַפטן פון לאַנד האָבן געהאַט ביי זיך שיר ניט אַ דריטל פונם גאַנצן ערד־פאָנד (30.8). ווי עס זעט אָבער אויס — און דאָס איז געווען צו דערוואַרטן — האָט דער לאַנגפאַרצויגענער קריזיס אין דער אַגראַר־ווירטשאַפט געבראַכט אויך אין פוילן דעם פּראָצעס פון צעברעקלונג און ווייטערער פאַראָרימונג פון דער פּויערים־מאַסע, און אין דער זעלביקער צייט — אַ גרעסערע קאָנצענטראַציע פון באָדן אין די הענט פון די פּריצים און רייכע קולאַקעס.

די לאַגע פון פוילישן פּויער איז פון שטענדיק אָן געווען אַ ביטערע. פאַר דער מלחמה פלעגן אַרום אַ פערטל מיליאָן פּויערים עמיגרירן יערלעך קיין אַמעריקע. נאָך דער מלחמה האָט זיך דער אויסוועג פאַר דער איבערבאַפעלקערונג פונם דאָרף אָפּגעהאַקט. אַ געוויסע צייט האָט דאָ געהאָלפן די עמיגראַציע קיין פראַנקרייך, וועלכע פלעגט אין סעזאָן־צייט אָפּציען פון פוילישן דאָרף אַזוי הויך ווי 120 טויזנט פּערזאָן. איצט איז דאָס אַלץ געענדיקט.

אין דער זעלביקער צייט האָט די פּרנסה פונם פּויער גענומען שאַרף פאַלן. פון 10 מאָרג לאַנד האָט ער געקראָגן:

אין 1927-28 — 980 זלאָטעס,
אין 1928-29 — 490 זלאָטעס,
אין 1929-30 — 220 זלאָטעס.

זינט 1927־28 איז די הכנסה פונם פויער, פון 10 מאָרג לאַנד, געפאַלן ביז ווייניקער ווי א פערט־חלק — ביז אַרום 24 דאָלאַר א יאָר! אָבער זינט 1929־30 איז די הכנסה נאָך מער געפאַלן. ווייטער דאַרף מען געדענקען, אַז ס'איז דאָ א גרויסער שיכט אָרימע פויערים, וואָס איז ווייט פון צו האָבן 10 מאָרג לאַנד. צוויי און א האַלב מיליאָן פויערים האָבן אינגאַנצן קיין לאַנד ניט, און זיינען געצוואונגען צו אַרענדירן ערד ביי די פריצים, אָדער צו זיין פאַראַבקעס, שקלאַפן ביי די פריצים. דאָס אַלץ קאָן געבן א באַגריף פון דער הכנסה פון א פויערשער פאַמיליע.

עס האַנדלט זיך וועגן 10־20 דאָלאַר א יאָר. פריצים באַנוגענען זיך מיט באַצאָלן זייערע פאַראַבקעס הונדערט זלאָטעס (11 דאָלאַר) א יאָר פאַר אַרבעט.

דער חורבן, די שווידערלעכע אָרימקייט וואָס הערשט אינם פוילישן דאָרף, קאָן אין א געוויסער מאָס אילוסטרירט ווערן מיט אַזעלכע פאַקטן. דער געברויך פון כעמישער באַפרוכטיקונג אויף די פעלדער האָט היינטיקן זומער אויסגעמאַכט בלויז 18 פראָצענט פונם געברויך פון 1929. אויף די פוילישע פעלדער, לויט דער אינפאָרמאַציע פון דער „גאַזעטאַ האַנדלאָוואַ", האָבן זיך באַוויזן הילצערנע סאָכעס אַרומגעקלאַפּט מיט בלעך. אין די פויערשע הייזער האָבן זיך באַוויזן קינעלעך, וואָס מען נוצט פאַר באַלייכטונג, ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק. קעראָסין, מאַכאָרקע, זאַלץ, שוועבעלעך, זיינען פראָדוקטן, וואָס דער פויער קאָן זיך ניט פאַרגינען צו קויפן, — שוין אָפּגערעדט פון צוקער און פוטער. (דער פאַרזייִ־שטח פון צוקערבוריקעס איז היינטיקן יאָר געווען אויף פערציק פראָצענט קלענער ווי אין 1929).

דער פויער קרעכצט אונטער דער משא פון שטייערן. דער פויערים־קלאַס איז „שולדיק" דער רעגירונג 4 ביליאָן זלאָטעס, וואָס דאָס מאַכט אויס 60 פראָצענט פון דעם גאַנצן ווערט פון די פויערים־ווירטשאַפטן!

דער צענטראַלער אָרגאַן פון די פּע־פּע־עס, „ראָבאָטניק", האָט געשריבן דעם 10טן יוני:

„דער הונגער קוקט אריין אונטער די פויערשע דעכער. די פּראָדוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפט ווערט פאַרקלענערט, צוליב דער

פאַרקלענערונג פונם פאַרזיי־שטח און אויך צו־ליב דעם, וואָס די פעלדער ווערן שוואַך באַ־פרוכטיקט.״

דער באַקאַנטער בורזשואַזער פּוילישער פּובלי־ציסט, אַלעקסאַנדער שווענטעכאָווסקי, שרייבט:

„ווער עס וויל זען אָרימקייט, נאַקעטע, אויסגעמאַטערטע, פול מיט לייד און פאַרצווייפ־לונג, דער זאָל זיך צו איר צוקוקן אין דאָרף: דאָ וועט ער דערזען פינצטערע, שמוציקע, שטינקענדיקע נאָרעס, אין וועלכע עס לעבן מענטשן מיט זייער פי; דאָ וועט ער זען שמאַטעס אויף קערפּערס, וואָס זיינען אויסגע־צערט פון הונגער, פנים׳ער, וואָס זיינען פול מיט טרויער״.

דאָס, אין קורצן, וועט געניג זיין צו געבן וועלכן עס איז באַגריף וועגן דעם גוואַלטיקן חורבן פון דער פונדאַמענטאַלער ווירטשאַפט פון פּוילן, די אַגראַר־ווירטשאַפט — צוליב דעם פאַלן פון פרייזן אויף די מערק, צוליב דעם מאָנאָפּאָליסטישן כאַראַקטער פון די וויכטיקסטע אינדוסטריען, וואָס דאָס דערלאָזט ניט, אַז די פאַבריק־אַרטיקלען, און אַזעלכע פּראָדוקטן ווי נאַפט און קוילן, זאָלן פאַלן אין פרייז צוגלייך מיט די דאָרפישע פּראָדוקטן, און אויך צוליב דעם, וואָס דער אָרטיקער מאַרק פאַר דאָרפישע פּראָדוקטן, די שטאָט, איז געשלאָגן געוואָרן — צוליב דעם אינ־דוסטריעלן קריזיס.

וואָס דער אַרבעטער באַקומט

דער אינדוסטריעלער קריזיס פון פּוילן—גיכער אַן אינדוסטריעלער חורבן—קאָן כאַראַקטעריזירט ווערן, אין קורצן, דערמיט, וואָס דער אינדעקס פון דער אינ־דוסטריע האַלט ביי וויניקער ווי העלפט (49.2%) פון דער מדרגה פון דער פּוילישער אינדוסטריע אין 1913. אַזאַ פונדאַמענטאַלער צווייג, ווי די פּראָ־דוקציע פון גוס־אייזן (טשוגון), האָט אין זומער 1932 געהאַלטן ביי 17 פּראָצענט פון דער מדרגה פון פאַר דער מלחמה.

די טעקסטיל־אינדוסטריע, איינע פון די הויפּט־אינדוסטריען פון לאַנד, וועלכע האָט אין 1927 באַ־שעפטיקט 163 טויזנט אַרבעטער, האָט שוין אין 1931 באַשעפטיקט ניט מער ווי 97 טויזנט, און זינט דעמאָלט זיינען נאָך מאַסן אַרבעטער ארויסגעוואָרפן

געוואָרן אַפּן גאַס. דאָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פונם איינגעשרומפּענעם געברויך אין לאַנד גופא, צווישן דער דאָרפישער און שטאָטישער באַפעלקערונג, און אַלס רעזולטאַט דערפון, וואָס דעם פאַבריקאַנט פון לאָדז און ביאַליסטאָק איז שווערער געוואָרן צו קאָנקורירן מיטן פאַבריקאַנט פון מאַנטשעסטער, ווען דער פונט איז געפאַלן אין ווערט — בעת די קינסט־לעכע סטאַביליזאַציע פון דער זלאָטע ווערט נאָך אָנגעהאַלטן.

שוין צום אָנהויב פון 1932 האָט די אידי־שע בורזשואזע צייטונג אין וואַרשע „נאַש פּשעגלאָנד", אין דעם ניי־יאָר נומער, געגעבן אַזאַ סך־הכל:

„. . . אַ רואינירטע לאַנדווירטשאַפט, אַן אונטערגעריסענע באַזע פון דער אינדוסטריע, אַ האַנדל וואָס שמעקט מיט קברים־בלעטלעך, און אַ באַנק־קאַפּיטאַל וואָס קעמפט עקשנות־דיק פאַר זיין עקזיסטענץ. אין ווירטשאַפטלעכע פראַגן האָבן אַלע רעגירונגען ביז איצט באַנק־ראָטירט מיט אַ קנאַק".

און אין משך פון פאַרגאַנגענעם יאָר האָט זיך די לאַגע באַדייטנדיק פאַרערגערט.

אַז דער חורבן פון דער אינדוסטריע האָט שאַרף געטראָפן דעם אַרבעטער, איז קלאָר. אַן אויבערפלעכ־לעכער באַזוך אין פּוילן קאָן אייך גלייך דערציילן וועגן דער שוידערלעכער אָרימקייט פון די ברייטע מאַסן אין שטאָט. דער אָפיציעלער לעבנס־סטאַנ־דאַרד איז 300 זלאָטעס (אַרום 27 דאָלאַר) אַ חודש, — און ס'איז אָך און וויי צו אַזאַ מינימום. אָבער די אָפיציעלע סטאַטיסטיק גיט אָן, אַז דיווירקלעכע הכנסה פון אַן אַרבעטער־פאַמיליע אין פּוילן וואַקלט זיך צווישן 80 און 120 זלאָטעס אַ חודש!

ווי אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, זוכט דער פּוילישער קאַפּיטאַליסט צו לייגן דעם חורבן אַלץ מער אויף די פּלייצעס פונם אַרבעטער, שניידן די שכירות. אין לאָדז איז דער סאַמע העכסטער פאַר־דינסט פון אַ וועבער 6 זלאָטעס (66 סענט) אַ טאָג. אַ טעקסטיל־אַרבעטערין פאַרדינט 1 זלאָטע אַ טאָג (11 סענט), — און אין דער אינדוסטריע ווערן באַ־שעפטיקט זייער אַ סך פרויען און קינדער. אָבער חוץ די דאָזיקע הונגער־פאַרדינסטן האָט דער לאָדזער אַרבעטער אויסצושטיין אַ מורא'דיקע כראָנישע אַר־בעטלאָזיקייט. צענדליקער טויזנטער וועבער האָבן

שוין פון לאנג קיין ארבעט ניט פארזוכט. די ארבעטנ־דיקע זיינען באשעפטיקט פון 2 ביז 4 טעג א וואך.

אין דעם פוילישן רור־געביט, אין אויבער־שלעזיע, איז ניט בעסער ווי אין לאדז. אזוי אין ווארשע, וואו די לייכטע אינדוסטריע איז קאנצענטרירט, און וואו עס איז קאנצענטרירט דער אידישער ארבעטער.

דער פוילישער קוילן־גרעבער, וועלכער קריגט די העכסטע שכירות, פארדינט ניין (9) מאל וויניקער, ווי דער אמעריקאנישער קוילן־גרעבער, וועמענס לאגע עס איז זייער א ביטערע.

דער רעזולטאט — ביטערע ארימקייט, שוידער־לעכע בילדער פון נויט און הונגער, שמוץ, די סאמע פרימיטיווע פארמען פון לעבן, זעלבסטמארדן.

פוילן, וועמען די פילסודסקי־רעגירונג וויל ארויס־רוקן ווי א טייל פון „ציוויליזירטן מערב", האט אפילו אין די „גוטע צייטן" ניט געגעבן די מאסן קיין מעג־לעכקייט פאר א העכערן לעבנס־סטאנדארד. נאך אין 1929 האבן זיך העכער דריי־פערטל פון דער באפעל־קערונג פון ווארשע (78.3 פראצענט) באנוצט מיט קעראסין־לאמפן, און אין לאדז — העכער 4־פינפטל (82.8 פראצ.). זינט 1929 איז דער דאזיקער ארימער סטאנדארד אויך צעשמעטערט געווארן.

רעוואלוציאנערער אויפשטייג

די ביטערע נויט, די מורא'דיקע פארצווייפלונג, די האפנונגסלאזיקייט — אין די ראמען פון דער „פרייער" פוילישער רעפובליק, האט אויסגעטשוכעט גרויסע מאסן פון די פאר'שיכור'נדיקע לאזונגען פון א גרויס־פוילן און האט אויפגעוועקט אין די ארבע־טער־מאסן זייערע רעוואלוציאנערע טראדיציעס, די טראדיציעס פון 1905. האט זיך איבער גאנץ פוילן גענומען טראגן א סטרייק־כוואליע.

די כוואליע האט זיך אנגעהויבן פון א ריי פאר־טיידיקונג־סטרייקס אין 1930 און איז איבערגעגאנגען אין אן אנגריף אין 1931. אין דעם יאר האבן, לויט די אפיציעלע ציפערן, געסטרייקט 171 טויזנט ארבע־טער. עס האבן געסטרייקט 6 וואכן די לאדזער זייד־וועבער און האבן זיך דערשלאגן א העכערונג פון 10 פראצענט אף זייער לוין. עס האבן געסטרייקט 35 טויזנט קוילן־גרעבער פון קראקאווער און דאמבראווער ראיאנען. דער סטרייק האט זיך אנטוויקלט אין אן אמת'ן אויפשטאנד און האט געבראכט צו אן אלגע־

מיינעם סימפּאַטיע־סטרייק איבערן גאַנצן לאַנד. עס האָבן צוויי מאָל געסטרייקט די טראַמוויי־אַרבעטער אין וואַרשע, אין משך פון פינף חדשים. די דאָמבראָ־ווער באַרג־אַרבעטער האָבן געסטרייקט צוויי מאָל. אין די טעקסטיל־פאַבריקן פון אָזערקאָוו האָבן די אַרבעטער געסטרייקט 8 מאָל.

די אַרבעטער און פּויערים אין פּוילן גייען איבער אין אַן אַלץ שאַרפערן ווידערשטאַנד. אין די ערשטע 3 חדשים פון היינטיקן יאָר האָבן שוין געסטרייקט הע־כער 620,000 אַרבעטער. בעת מיין באַזוך אין פּוילן, אין יוני 1932, האָבן געסטרייקט די טעקסטיל־פאַב־ריקן אין ביאַליסטאָק. די טעקסטיל־אַרבעטער פון לאָדז האָבן דעמאָלט אָפּ אַ קאָנפערענץ פון אַלע פאַב־ריק־קאָמיטעטן מיט אַ מערהייט פון העכער דריי־פערטל פון די שטימען צוריקגעוואָרפן די פּאָליטיק פון דער פּע־פּע־עס׳אישער פירערשאַפט און אָנגענו־מען די פאָרשלאָגן פון דער רעוואָלוציאָנערער פראָפ־אָפּאָזיציע (יוניאָן־אָפּאָזיציע) פאַר אַן אַלגעמיינעם סטרייק. דער סטרייק איז דעמאָלט אַרונטערגעריסן געוואָרן דורך דער פּע־פּע־עס און די רעכטע יוניאָנס.

אַ מעכטיקער רעוואָלוציאָניזירנדיקער פּראָצעס קומט פאָר אין דער גאַנצער ברייט פון דעם אַרבעטער און פּויערים־קלאַס און אויך צווישן דער קליינבירגער־לעכער יוגנט. בורזשואַזע אידישע שרייבער קאָנען ניט פאַרבאָרגן דעם פאַקט, אַז די אידישע קליינבירגערלעכע יוגנט ציט זיך צו דער קאָמוניס־טישער באַוועגונג, ווי דער איינציקער אויסוועג פון אַן האָפענונגסלאָזער לאַגע, און רייסט זיך צום סאָ־וועטן־פאַרבאַנד, „שוואַרצט" די גרעניץ. אַזוי איז גע־צוואונגען צו דערציילן אפילו דער ווילנער קאָרעס־פּאָנדענט פון „מאָרגן־זשורנאַל" (19טער דעצ.):

„אַ יאוש האָט אַרומגעכאַפּט די אידישע באַפעלקערונג אין ווילנע. מען ווערט דערשטיקט אין דחקות און אין נויט. און עס לאָזן זיך אַראָפּ די הענט און עס ווערט אויסגעלאָשן דער בליק, און עס צערינט די האָפענונג אָף בעסערע טעג. לעבעדיקע מתים שלעפּן זיך איבער די גאַסן פון דער אין פאַרצווייפלונג־פאַרגליווערטער שטאָט — און די תפיסות ווערן אָנגעפילט מיט דער אידישער יוגנט, וואָס זוכט דעם אויסוועג פון דער פאַר איר באמת טראַגישער לאַגע אין דעם קאָמוניזם."

און וועגן דעם שטראָם, וואָס ציט זיך קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ניט געקוקט אַף אַלע שוועריקייטן און געפאַרן, ניט געקוקט אַף דער וויסטער פּראָפּאַגאַנדע וועגן „הונגער אין רוסלאַנד“, דערציילט ער:

„וואָך־איין, וואָך־אויס פאַרשווינדן אידישע יונגעלייט פון שטאָט, אָפט מיט ווייבער און קינדער, און מיט אמת׳ער סכנת־נפשות כאַפּט מען זיך אַריבער אַף יענער זייט גרעניץ“.

„ . . . טאָג־טעגלעך ברייגנען די צייטונגען ידיעות וועגן די שווערע לעבנס־באַדינגונגען אין רוסלאַנד צוליב דעם אַפּראָוויזאציע־קריזיס. אָבער קיינעם שטעלט דאָס ניט אָפּ, פּונקט ווי קיינעם שרעקט ניט אָפּ די גוואַלדיקע, ממש לעבנס־געפערלעכע ריזיקע פון אַזאַ מין עמיגראַציע (עס זיינען שוין געווען קרבנות אַף טויט). ווי גרויס איז די דאָזיקע עמיגראַציע פון ווילנער געגנט קיין רוסלאַנד איז שווער צו זאָגן. אַנדערע ריידן פון טויזנטער. אָבער ס׳איז זיכער, אַז א סך הונדערטער יונגעלייט — טיילמאָל פון די בעסטע קוואַליפיצירטע אַרבעטער, לערער, בוכהאַלטערס, האָבן זיך שוין אַף אַזאַ אופן געראַטעוועט פון זייער אויסוועגלאָזיקייט“.

אזוי אין ווילנע, אזוי לענג־אויס אַלע גרעניץ־געגנטן, אזוי איבער גאַנץ פּוילן. מען ציט זיך צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. די מערהייט — ניט פיזיש, ניט דורך אריבערלויפן, נאָר דורך אָנפירן דעם קאַמף אין פּוילן גופא פאַר אַ סאָוועטן־מאַכט, ווי דער איינציקער אויסוועג. און דאָ האָבן זיך צונויפגעפּאָרט אין אַ בונד אַף לעבן און טויט דיביידע פּראָבלעמען, די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע, און די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון פּוילן, צוזאַמען מיט דעם גאַנצן אַרבעטער און פּויערים־קלאַס פון לאַנד, האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַמף פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן אויסוועג פון דער סיטואַציע.

וואַקסט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואַקסט דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער פראָנט. ברויזט אַלץ שטאַרקער דער קעסל־גרוב — פּוילן. ווערט פאַר דער פּילסודסקי־רעגירונג אַלץ שווערער צו האַלטן זיך אין מאַכט. פּאַקט זי אָן די תפיסות. שמאַכטן שוין 14 טויזנט פּאָליטישע אַרעסטירטע אין די טורמעס, וואָס דער צאריזם האָט געלאָזן און אין די נייע טורמעס, וואָס דאָס „אומאָפּהענגיקע“ פּוילן האָט שוין צו־

געבויט, ווערט אַלץ ווילדער די דעפּענסיווע.

מוז מען האָבן פּאָגראָמען, ווי אַן אַלטער, גוט־אויסגעפּרואווטער מיטל צו שטילן דעם צאָרן, צו שלאָגן די רעוואָלוציע.

עס וואָלט געווען אומנאַטירלעך, ווען אין אַט־דעם קעסלגרוב פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זאָל דורך דער רעגירונג ניט איינגעאָרדנט ווערן קיין פּאָגראָ־מען, זאָל ניט געטריבן ווערן קיין העצע פון איין נאַציע קעגן דער אַנדערער. דאָס איז אַ צו גוטער און צו־לאַנג באַנוצטער מיטל. בפרט נאָך, ווען פּילסודסקי און דאָס גאַנצע בורזשואַזע פּוילן האָבן אָנגעהויבן מיט פּאָגראָמען.

3. די פּאָגראָמען און דער אידישער שאָוויניזם

די פּאָגראָם-כוואַליע פון 1919

דער געגנט־קאָמיטעט פון „יעקאָפּאָ" אין ווילנע האָט אין 1931 אַרויסגעגעבן אַ פּנקס: „אַף די חורבות פון מלחמות און מהומות". דאָרט ווערט דערציילט, אַף זייט 7, אין אַן איבערזיכט פון מ. שאַליט:

„דער צווייטער פּעריאָד (פון ווילנע, נאָכן אָפּטרעטן פון די דייטשן) האָט זיך אָנגעהויבן מיט די בלוטיקע אַפּריל־טעג פון 1919, מיט פּאָגראָמען און עקסצעסן, וואָס האָבן געדויערט אין ווילנע און אַף דער פּראָווינץ איבער זעקס וואָכן צייט.

„דעם מצב אין די ערשטע וואָכן האָט גע־שילדערט די שאַרפע רעזאָלוציע, וואָס די וויל־נער קהלה האָט אָנגענומען אַף איר זיצונג פון 6טן מאַי, 1919 (די ערשטע נאָכן פאַרנעמען די שטאָט דורך פּוילישן חיל) וועגן „די באַ־ליידיקונגען, רויבערייען און הריגות, וואָס די אידישע באַפעלקערונג האָט איבערגעלעבט אין די טעג פון 19טן אַפּריל און ווייטער." (זע דעם געדרוקטן באַריכט פון קהלה, ווילנע, 1921, זייט 7-9).

מ. שאַליט דערציילט וועגן דעם גרויסן מאַטעריאַל, וועגן דעם 6־וואָכיקן פּאָגראָם אין ווילנער געגנט, און וועגן דער מאַסע דאָקומענטן, וואָס דער קאָמי־טעט האָט צוגעשטעלט דער מאַרגנטוי־קאָמיסיע:

„צוזאַמען האָבן די 6 טעקעס (פּאָרטפּעלן)
אַנטהאַלטן 988 דאָקומענטן וועגן הריגות,
רויבערייען, נגישות, גזילות, שלאָגן, באַליידי־
קונגען, מזיקות, געשעענישן און אַנדערע."

אין דעם פּאָגראָם אין ווילנע — וועלכן מיר איז אויסגעקומען בייצואוואוינען — זיינען גע׳הרג׳עט געוואָרן 56 פון דער אידישער באַפעלקערונג, צווישן זיי דער שריפטשטעלער א. ווייטער.

אומגעפער אין דער זעלביקער צייט איז פאָרגעקומען די שחיטה אין פינסק, וואו עטלעכע און דרייסיק אידישע יונגעלייט זיינען צוגעשטעלט געוואָרן צו אַ וואַנט אינמיטן שטאָט און זיינען דערשאָסן געוואָרן.

אַ כוואַליע פּאָגראָמען, מיליטערישע און אַנדערע, האָט זיך דעמאָלט אויסגעגאָסן איבערן גאַנצן לאַנד. מיט אַ פינף חדשים פאַרן פּאָגראָם אין ווילנע, איז פאָרגעקומען דער ערשטער גרויסער, בלוטיקער פּאָגראָם אין לעמבערג, וואָס האָט געקאָסט די לעבנס פון פופציק אידישע איינוואוינער און האָט אָפּגעווישט עטלעכע קוואַרטאַלן מיטן פייער.

די פּאָגראָמען אין ערשטן פעריאָד פון דעם „באַפרייטן פוילן" קאָנען אייגנטלעך ניט באַגרעניצט ווערן מיט געשעענישן אין באַשטימטע שטעט. דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ כוואַליע, וואָס האָט געבושעוועט אין משך פון לאַנגע חדשים. מען האָט געשניטן בערד, צוזאַמען מיט שטיקער פלייש, מען האָט געוואָרפן פון די באַנען, מען האָט ניט אויפגעהערט שלאָגן אַף דעם באַרימטן וואַרשעווער פשעיאַזד — אַ דורכגאַנג־גאַס, וואו עס געפינען זיך מיליטערישע קאַזאַרמעס, — מען האָט געמאַכט גרעסערע און קלענערע פּאָגראָמען, סיי אין די קרעסן און סיי ניט־ווייט פון דעם בעלוועדער־פּאַלאַץ אין וואַרשע גופא.

וואָס די ראָל פון דער פּוילישער רעגירונג איז דאָ געווען, איז קלאָר. ווען זי וואָלט ניט געוואָלט, וואָלטן קיין פּאָגראָמען ניט פאָרגעקומען. וואָס איז געווען די ראָל פון יוזעף פּילסודסקי? אויך דאָ קומט דער זעלביקער ענטפער. אָבער צוליב סיבות, וואָס וועלן קלאָר ווערן שפּעטער, מוז פּילסודסקי׳ס ראָל אין דעם באַפרייטן פוילן באַזונדערס אונטערשטראָכן ווערן.

אין נאָוועמבער 1918, ווען די צעשאָטענע דייטשישע אַרמייען זיינען אָפּגעטראָטן פון פוילן, האָט אַ „רעגענטן־ראַט" פון דער פּוילישער בורזשו־

אַזיע באַשטימט פּילסודסקי'ן ווי דעם „נאַטשעלניק" (מלוכה־שעף) פון פּוילן. פּילסודסקי איז געווען אַ נאַציאָנאַלער העלד (די דייטשן האָבן אים געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין דער מאַגדעבורגער פעסטונג). פּילסודסקי איז געווען דער אָפּגאָט פון די פּוילישע לעגיאָנערן. פּילסודסקי איז געוואָרן דער דיקטאַטאָר פון פּוילן פון סאַמע אָנהויב. ער האָט באַשטימט דעם פּע־פּע־עס'ניק מאָראַטשעווסקי'ן, ווי דעם ערשטן פּרעמיער פון פּוילן. דער סעים, וועלכער איז זיך צוזאַמענגעקומען אין אָנהויב 1919, האָט באַשטעטיקט פּילסודסקי'ן אין זיין אַמט פון דעם שעף („נאַטשעלניק") פון דער פּוילישער מלוכה. פּרעמיער איז געוואָרן פּאַדערעווסקי, אַ געטרייער משרת פון פראַנקרייך.

פּילסודסקי איז אַף אַזאַ אופן פון אָנהויב אָן געווען דער „שטאַרקער מאַן" פון פּוילן, מיט וועמעס וואָרט מען האָט זיך געמוזט רעכענען. באַזונדערס האָט זיך מיט אים גערעכנט די אַרמיי — זיין באַזע די גאַנצע צייט. אַזוי, אַז אַלע פּאָגראָמען, אין פּינסק, ווילנע, לידע; דאָס שניידן בערד, דאָס וואַרפן פון די באַנען, די גאַנצע צעיושעטע כוואַליע פון מיליטערישן אַנטיסעמיטיזם, די שחיטות אַף די אוקראַינער אַרום לעמבערג, אין אָנהויב 1919 — דאָס אַלץ מוז צוגעשריבן ווערן צו פּילסודסקי'ן, קודם כל.

ווען פּילסודסקי איז אַריין מיט זיין אַרמיי קיין קיעוו, אין 1920, האָט ער גלייך געשלאָסן אַ פאַרבאַנד מיט פּעטליורע'ן. פּעטליורע'ס באַנדעס זיינען דעמאָלט, און אויך אַ שטיק צייט נאָך דעם מאַרש פון דער רויטער אַרמיי אַף וואַרשע, געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פּוילישער אַרמיי. און פּילסודסקי האָט זיין פריינט פּעטליורע'ן ניט פאַרגעסן. ווען יענער איז דערשאָסן געוואָרן אין פּאַריז, האָט פּילסודסקי געשיקט אַ ספּעציעלן שליח מיט בלומען צו דער לויה.

סיי אַלס הויפּט פון דער פּוילישער מאַכט און אַלס הויפּט פון דער אַרמיי האָט פּילסודסקי געטראָגן אַף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די פּאָגראָמען, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן מיט די ערשטע טעג פון דעם „באַפרייטן פּוילן". ער האָט פון אָנהויב אָן זיך באַנוצט מיט אײדעלע ווערטער. ער האָט פון אָנהויב זיך געמאַכט אַ טבע צו קומען „צו־שפּעט", נאָכדעם ווי די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן שוין געהאַט

אָפּגעהוליעט. און ער האָט פון אָנהויב אָן ניט באַ־שטראָפט די אָנפירער פון די פּאָגראָמען, אַפילו ניט די מערדער פון די מאַסן־שחיטות אין פּינסק, ווילנע און אַנדערע ערטער.

אָט־דאָס איז פּילסודסקי. די פּאָגראָמען זיינען אַ באַשטאַנד־טייל פון פּילסודסקי'ס רעזשים. דאָ איז ער אין 1919 געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דעם ענ־דעק פּאַדערעווסקי — ריכטיקער, פּאַדערעווסקי מיט אים — און שפּעטער, אין 1926, בעת ער האָט דורך אַן „איבערקערעניש" צעקלאַפּט די ענ־דע'קעס, האָט ער פּאַרגעזעצט דעם ענ־דעק גראַבסקי'ס פּאָליטיק פון עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם, און האָט די פּאָליטיק נאָך מער פאַרשאַרפט. אין דער באַציאונג צו די נאַציאָ־נאַלע מינדערהייטן האָט פּילסודסקי קיין שום סכסוכים ניט מיט די ענ־דעקעס. און אַזוי באַנוצט ער זיך מיט די כוליגאַנישע ענ־דע'קישע סטודענטן, לאָזט עקזיסטירן זייערע אָרגאַניזאַציעס, לאָזט די רעקטאָרן און פּראָפעסאָרן זיין ערן־מיטגלידער פון די אָרגאַני־זאַציעס, טאָלערירט די אומאויפהערלעכע „עקסצעסן" אין די הויך־שולן, און זיין פּאָליציי גייט מיט אָט־די סטודענטן האַנט אין האַנט, ווען נאָר מען דאַרף צו־גרייטן און דורכפירן אַ פּאָגראָם.

פּילסודסקי'ס ראָל, און די גאַנצע ראָל פון דער פּוילישער רעגירונג, איז אַ צו־קלאָרע. אויך די אי־דישע שאָוויניסטישע פּרעסע, וועלכע זוכט איצט פּיל־סודסקי'ן און די גאַנצע פּוילישע רעגירונג ריינצו וואַשן, האָט געוואוסט ווי אָפּצושאַצן אָט־די ראָל מיט יאָרן צוריק. און דאָ וועט ווערט זיין צו פאַר־גלייכן, וואָס צוויי פירנדיקע אָרגאַנען פון אָט־דער פּרעסע האָבן געזאָגט אין 1919 און וואָס זיי זאָגן אַצינד:

דער „פּאָרווערטס" אין 1919:

17טער אַפּריל, 1919:

„אב. קאַהאַן קייבלט די נעמען פון 35 אידן, דער־מאָרדעט פון פּאָליאַקן אין דער שוידערלעכער הריגה אין פּינסק".

„דער אָרגאַניזירטער פּאָ־גראָם האָט זיך אָנגעהויבן שבת, דעם 5טן אַפּריל. אַ פּאָלק פּוילישע סאָלדאַטן האָט אַרומגערינגלט דעם בית־העם"... „יעדער אייִ־נער ווייסט פונם פאַקט, דער גאַנצער בלוטיקער פּאָ־גראָם איז אַראַנזשירט גע־וואָרן פון די פּאָליאַקן."

19טער אַפּריל, 1919 (אין אַ לייט־אַרטיקל וועגן פּוילן און רומעניע):

„די פּוילישע רעגירונג,

וועלכע איז באַגאַנגען דעם שענדלעכסטן, ברוטאַלסטן און העכסט באַרבאַרישן מאָרד אין פּינסק, דעם גרויזאַמסטן פּאָגראָם אין לעמבערג."

7טער מאַי:

„איינצלהייטן פון פּאָגראָם אין פּינסק געקייבלט פון אב. קאַהאַן."

„פּוילישער גענעראַל לוטשינסקי איז באַפאַלן אַ מיטינג פון רעליף־טוער און אָן שום צערעמאָניעס דערשאָסן 34 פון זיי."

„דעם באַפעל צו מאַכן די שחיטה האָט אַרויסגעגעבן דער מאַיאָר לוטשינסקי."

12טער מאַי:

„פּאָליאַקן מאַכן הונדערטער פּאָגראָמען איבער גאַנץ ליטע און פּוילן, קייבלט אב. קאַהאַן."

18טן מאַי:

„פּוילישע רעגירונג־באַאַמטע די גאַנצע שולדיקע אין די פּאָגראָמען אַף אידן אין פּינסק און אין לידע."

21טן מאַי (אין דעם טאָג פון פּראָטעסט־מיטינג אין מעדיסאָן סקווער־גאַרדן און פון דער דעמאָנסטראַציע איבער די ניו־יאָרקער גאַסן):

„דער אשמדאי מיט אַלע זיינע טייוואָלים האָבן ניט געקאָנט אויסטראַכטן אַ שרעקלעכערן מערדערלעכן גיהנום פאַר אידן, ווי די פּוילישע רעגירונג פון פּאַדערעווסקי און איר מיליטער."

א. ליעסין שרייבט, אין אַן אַרטיקל אַף דער ערשטער זייט פון דעם זעלביקן נומער:

„די דמאָווסקים, פּאַדערעווסקים און פּילסודסקים האָבן זיך אַ נעם געטאָן דאָס דורכצופירן (די פּאָגראָמען) אַפן אַנטשלאָסנסטן און האַסטיקסטן אופן." (אונטערגעשטראָכן פון מיר.—פּ. נ.).

דער „פּאָרווערטס" די לעצטע צייט:

12טן נאָוועמבער, 1931 (נאָכן פּאַראַיאָריקן ווילנער פּאָגראָם):

„אַ פּאָגראָם אַף אידן אין ווילנע! עס גלויבט זיך ניט, אַז אַזוינס זאָל קאָנען פּאָרקומען!"

„... מיר וואָלטן דעם ברוטאַלן מאָרד, וואָס עס זיינען באַגאַנגען די פּוילישע לעגיאָנערן אין ווילנע אין יאָר 1919 ניט וועלן אָנרופן מיטן נאָמען פּאָגראָם. עס איז אין דער ווירקלעכקייט געווען ניט מער ווי אַן איינצלנע מיליטערישע מערדעריי, אָבער ניט קיין אַלגעמיינע אָנפאַל אַף אידן."

„און מיר מיינען דאָ ניט צו באַשולדיקן די פּוילישע רעגירונג, אַז זי האָט אַ האַנט אין די פּאָגראָמען."

„די אידן פילן, אַז זיי קאָנען זיך ניט פאַרלאָזן אַף דער פּאָליציי אַליין, ווי

ע נ ע ר ג י ש ד י פ אָ־ ל י צ י י ז אָ ל ן נ י ט ק ע מ פ ן ק ע ג ן ד י כ ו ל י ג אַ נ ע ס. עס טרעפט לוידער, אַז די פּאָ־ליציי פאַרשפעטיקט.״ (אונ־טערגעשטראָכן פון מיר.— פ. נ.).

18טן נאָוועמבער (אַרטיקל פון אב. קאַהאַן):

„פּאָגראָמען האָט ער (פּילסודסקי) ניט ליב. ניט נאָר ווייל עס לוינט זיך אים ניט, ווייל עס באַ־שמוצט דעם נאָמען פון פּוילן אויף דער וועלט, נאָר טאַקע דערפאַר, ווייל ער איז ניט אַזאַ סאָרט מענטש, וואָס האָט ליב פּאָגראָמען. איר קאָנט אים קריטיקירן ווי־פיל איר ווילט; מען טאָר אָבער ניט פאַרגעסן, אַז דיזער נערוועזער, אַפּט־ווילדער, דעספּאָטיש־געניוויג־טער מענטש האָט אין זיך אַ ברייטן שטריך פון פאַר־גערעכטיקייט און פון אידע־אַליזם.״

2טן דעצעמבער, 1932 (בעת דער סאָמע לעצטער פּאָגראָם־כוואַליע, עדיטאָר־יעל):

„מיר האָבן קיין אורזאַך ניט צו פאַרדעכטיקן, אַז די איצטיקע פּוילישע רעגירונג איז אין סימפּאַטיע מיט די פּאָגראָמשטשיקעס. פאַרקערט, מיר צווייפלען ניט, אַז פּיל־סודסקי און זיינע מיניס־טאָרן ווילן ניט קיין פּאָ־גראָמען.״

9טן דעצעמבער (עדי־טאָריעל):

„קיינעם פון די פאַראַנט־וואָרטלעכע אידישע פאַרטרע־טער וועט ניט איינפאַלן צו באַשולדיקן די רעגירונג, אַז זי האָט געהאַט אַ האַנט אין די אָנפאַלן אויף די אידן. וואָס מען זאָל ניט דענקען פון פּילסודסקי׳ן און זיין רעגירונג, אָבער קיין פּאָ־גראָמשטשיק איז ער זיכער ניט. עס איז קיין צווייפל ניט, אַז פּילסודסקי׳ס רע־גירונג איז אַנטשיידן קעגן די פּאָגראָם־אַטאַקעס.״

דער „טאָג“ אין 1919:

10טן אַפּריל, 1919:

„מיר זיינען חושד, אַז די פּוילישע רעגירער אין פּינסק האָבן ניט דערשאָסן אַזוי פיל און אַזוי פיל באָלשעוויקעס, נאָר אידן אַלס אידן.״

16טן אַפּריל (לייט־אַרט.):

„די ליטוואַקעס זיינען די איינציקע, וואָס האָבן דעם מוט צו וואַרפן דער פּוילי־שער רעגירונג אין פּנים אַריין אירע פּינצטערע מעשים.״

„דער מיטל (די פּאָגראָ־מען), צו וועלכן די פּוילי־שע רעגירונג האָט זיך גע־כאַפּט — דער מיטל פון די פינצטערע, פאַרגאַנגענע יאָר־הונדערטן.״

18טן אַפּריל (לייט־אַר־טיקל „משא פּינסק״):

„די פּאָליאַקן אַליין אונ־טערזוכן די „אַנגעלעגנ־

הייט", און מיר ווייסן
שוין פאָראויס, אַז די אונ־
טערזוכונג וועט זיין אַ
שענדלאַכע פאַרלעסטערונג
פון דעם אידישן צער און
צאָרן... פוילן שעכט און
בלייבט גערעכט."

23טן אַפּריל:

„פוילן דאַנקט די פינס־
קער פּאָגראָמשטשיקעס און
פאָדערט פון אידן 100,000
מאַרק שאָדנערזאַץ."

5טן מאַי:

„שטימונג צווישן אידי־
שער באַפעלקערונג אין פוילן
אַ גאַנץ ביטערע. די שולד
פאַר דער פינסקער שחיטה
ווערט געוואָרפן דירעקט אַף
דער רעגירונג. די רעגירונג
האָט ניט געשטערט אַרויס־
צוהענגען אַנטיסעמיטישע
פּלאַקאַטן."

דער „טאָג" די לעצטע צייט:

12טן נאָוועמבער, 1931
(נאָכן פּאַראַיאַריקן ווילנער
פּאָגראָם, לייט־אַרטיקל):

„עס איז כמעט אומגלויב־
לעך!"

„מיר זיינען גרייט צו
גלויבן, אַז די שפּאָרן־
קלאַנגען זיינען
באַרעכטיקט",
— שרייבט דער „טאָג",
אָבער אַ פּאָגראָם אין ווילנע,
דאָס גלויבט זיך גאָרניט!
(אונטערגעשטראָכן פון מיר.
— פּ. נ.).

(אין די נייעס):

„... די פּאָליציי פאַרזי־
כערט, אַז זי וועט ניט דער־
לאָזן קיין ווידערהאָלונגען
פון די עקסצעסן."

29טן נאָוועמבער, 1932
(בעת דער סאַמע לעצטער
פּאָגראָם כוואַליע, לייט־אַר־
טיקל):

„עס איז צו האָפן, אַז די
פּוילישע רעגירונג וועט
איינזען, ווי קריטיש די
לאַגע איז, און וועט זיך
גלייך נעמען מיט גרויס
ענערגיע צו פאַרהיטן דעם
אויסברוך, וואָס קאָן קו־
מען."

15טן דעצעמבער (קאָרעס־
פּאָנדענץ פון וואַרשע):

„די רעגירונג
האָט געטאָן איר
פליכט. די פּרעסע,
מיט דער אויסנאַמע פון
ריין־ענ־דע'קישער האָבן גע־
טאַדלט די אומרוען".
(אונטערגעשטראָכן פון מיר.
— פּ. נ.).

(די ציטונג האָט אַ וואָך
צייט אָנגערופן די געשעע־
נישן אין פוילן „ראַיאָטן".
אונטערן דרוק פון דער
סיטואַציע האָט זי אָנגע־
הויבן באַנוצן דאָס וואָרט
„פּאָגראָמען". שפּעטער האָט
זי באַשולדיקט דער פּוילי־
שער רעגירונג אין „נאַכ־
לעסיקייט". ערשט ווען זי
איז צוגעדריקט געוואָרן צום
וואַנט דורך דער „מאָרגן־
פרייהייט", האָט זי דער־
קלערט, אַז די פּוילישע רע־
גירונג איז שולדיק. די
ציטונג האָט זיך באַזונדערס
אויסגעצייכנט אין מאַכן אַ
פּאָגראָם־בלבול אַף די קאָמו־
ניסטן. גענויער וועגן דעם
— ווייטער.)

מען וואָלט געקאָנט ציען אַזעלכע אויסצוגן פון דער אידישער ציוניסטישער און סאָציאַל־פּאַטריאָטישער פּרעסע אַ סך ווייטער. די דאָזיקע פּרעסע, פּונקט ווי זי זוכט איצט צונישט־מאַכן די פּאָגראָמען, פּאַרטיידיקט די פּילסודסקי־רעגירונג, אַזוי האָט זי זיך מיט 13־14 יאָר צוריק פּראָסט־פּשוט געהאַט צעיושעט קעגן גאַנצן פּוילישן פאָלק, קעגן די „פּאָליאַקן". דער „פאָרווערטס" פון 19טן מאַי, 1919, דרוקט אויף דער עדיטאָריעלער זייט אַ קאַרטון, וואָס שטעלט פאָר די „פּאָליאַקן", ווי אַ גאָרילע, וואָס פאָכעט מיט אַ שווערד איבער אידישע קעפּ. אויף דער גאָרילע איז אויפגעשריבן: „פּוילן".

קיין אַנדער אויסדרוק, ווי „פּוילישע רוצחים" און „פּוילישע מערדער", האָט איר אין „פאָרווערטס" און אין אַנדערע צייטונגען ניט געקאָנט געפינען.

דאָס איז געווען — ניט אַ קאַמף קעגן פּאָגראָמען, נאָר אַ העצע, אַ ראַסן־העצע, קעגן די פּוילישע מאַסן, וועלכע זיינען, פאַרשטייט זיך, דעמאָלט, פּונקט ווי היינט, ניט געווען שולדיק אין די פּאָגראָמען, נאָר זיינען אַליין געווען קרבנות פון אַ בלוטיקער רעגירונג און פון פּילסודסקי'ס און האַלער'ס לעגיאָנען.

אָבער די אידישע שאָוויניסטישע פּרעסע האָט דעמאָלט פון אַלע דעכער געשריען קעגן דער בלוטיקער פּוילישער רעגירונג, קעגן דעם פּרעמיער פּאַדערעווסקי, און אַנדערע. זי האָט ברייט באַנוצט דעם אַלף־בית פון פּאָגראָם־געשיכטע, אַז אומעטום וואו עס קומען פאָר פּאָגראָמען איז די רעגירונג די שולדיקע.

אויף דעם גרויסן פּראָטעסט־מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, דעם 21טן מאַי, 1919 (פאַר דעם מיטינג איז פאָרגעקומען אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע אויף די ניו־יאָרקער גאַסן, און די אידישע געשעפטן אין ניו יאָרק זיינען געווען צוגעמאַכט צוויי שעה), איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וואו עס האָט זיך געזאָגט: „אַזוי ווי די גוואַלדטאַטן זיינען אויפגעהעצט און אָרגאַניזירט געוואָרן פון קערפּערשאַפטן, וועלכע פירן זייער טעטיקייט אָפן פאַר די אויגן פון דער עקזיסטירנדיקער פּוילישער רעגירונג" . . . „אין פיל פאַלן דירעקט דערמוטיקט געוואָרן פון פאַרטרעטער פון דער פּוילישער רעגירונג." . . . „(די פּאָגראָמען זיינען) די פאָלגן פון אַן אָרגאַניזירטער באַוועגונג, באַקאַנט אַלס דער באָיקאָט, וואָס איז אָפן געשטיצט געוואָרן פון די פּוילישע פירער . . . געצילט

צו דער פאַרניכטונג אָדער אויסווייזונג פון דאָס אידישע פאָלק." (ציטירט פון „פאָרווערטס", דעם 22טן מאַי, 1919).

די אַרגומענטן, ווי דאָס איז צו זען, זיינען אַזעלכע, וואָס היינט וואָלט מען זיי געקאָנט נאָך שטאַרקער אַרויסרוקן. היינט האָט מען צו טאָן ניט מיט אַ באַוועגונג פאַר אַ באַיקאָט, נאָר מיט אַ רעגירונגס־פּאָליטיק פון מאַסן־אויסראָטונג. אָבער בעת דעמאָלט האָט דער גאַנצער אידישער שאָוויניזם, מיט זיין פּרעסע, געוואוסט צו באַשולדיקן די פּוילישע רעגירונג — און זי איז געווען די שולדיקע — ווייסט זי היינט צו טאָן אַלצדינג רייגצוואַשן די מאַכט, וועלכע דערלאָזט, פּונקט ווי אין 1919, די עקזיסטענץ און די אַרבעט פון „קערפערשאַפטן, וועלכע פירן זייער טעטיקייט אָפן פאַר די אויגן פון דער עקזיסטירנדיקער פּוילישער רעגירונג", און וואָס ווערן „אין פיל פאַלן דירעקט דערמוטיקט פון די פאַרטרעטער פון דער פּוילישער רעגירונג", ווי דאָס זיינען איצטער די פאַלן מיט פּאָליציאַנטן, וואָס אַרעסטירן גאָר אידישע אַרבעטער, און מיט די רעקטאָרן און פּראָפעסאָרן וואָס זיינען מיטגלידער פון די שוואַרץ־מאה'דיקע סטודענטן־אָרגאַניזאַציעס און העלפן מיט אין דער העצאַרבעט.

אידישער שאָוויניזם ענדערט דעם פראָנט

וואָס האָט געווירקט אַף דעם אידישן שאָוויניזם, ער זאָל בייטן זיין האַלטונג צו דער פּוילישער רעגירונג, און זאָל ניט נאָר ניט רופן קיין ריזן־דעמאָנסטראַציעס, ווי אין 1919, נאָר זאָל סאַבאָטירן און דירעקט שטערן יעדן פאַרזוך צו דעמאָנסטרירן קעגן די פאַרטרעטער פון דער פּוילישער מאַכט?

דאָס איז ניט דערפאַר, וואָס פּילסודסקי באַנוצט היינט אַנדערע ווערטער ווי פּאַדערעווסקי און דמאָווסקי האָבן באַנוצט אין 1919, אָדער ווי ער אַליין, פּילסודסקי, האָט דעמאָלט באַנוצט. די מאַכטהאָבער פון דעם „באַפרייטן" פּוילן האָבן פון דעם ערשטן טאָג אָן געוואוסט ווי צו באַנוצן אַ „ציוויליזירטן" לשון. און אויך אין 1919 האָבן יאהודים געזאָגט, אַז מען „איבערטרייבט" (סאַירוס אַדלער), און „ציוויליזירטע" ניט־אידן האָבן „ניט געוואוסט" וואָס אין פּוילן קומט פאָר (הואווער, וועלכער האָט דער פּוילישער אַרמיי צוגעשטעלט שפּייז). און וואָס איז שייך פּילסודסקי'ס פאַרגאַנגענהייט, ווי אַ מיטגליד פון דער

פּע־פּע־עס פאַר דער מלחמה—וועלכע דאַרף, הייסט עס, איצט אַרגומענטירן דערפאַר, אַז ער „האָט ניט ליב קיין פּאָגראָמען" — האָט מען אין 1919 דעם אַרגומענט ניט באַנוצט, און אין יענעם יאָר האָט מען געזען די פּעטליורעס, וויניטשענקאָס און מאַכנאָס, וועלכע האָבן ניט נאָר קאָקעטירט מיט פאַרגאַנגענהייט, נאָר זיי האָבן אויך דעמאָלט, בשעת זייער פּאָגראָם־אַרבעט, ניט אויפגעהערט באַנוצן סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע און אַנאַרכיסטישע פראַזן. אָבער אַזוי פיל האָט דער אידישער שאָוויניזם אַפילו געוואוסט אין יענע יאָרן — אַז פראַזן באַדייטן דאָ גאָרניט, אַז אויך צאַרישע פאַרטרעטער פלעגן פון צייט צו צייט באַנוצן „ציוויליזירטע" ווערטער. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם אלף־בית פון פּאָגראָם־דערפאַרונג: דאָרט וואו די מאַכטהאָבער ווילן ניט קיין פּאָגראָמען, קומען קיין פּאָגראָמען ניט פאָר. און אויב זיי קומען יאָ פאָר, זיינען די מאַכטהאָבער די אָנפירער, די אַרמיי־שעפס — די שולדיקע, און ניט עמיצער אַנדערש.

די ענדערונג אין דער באַציאונג פון דעם אידישן שאָוויניזם צו די פּאָגראָמען אין פּוילן דאַרף מען זוכן אין דער פאַרשאַרפטער ראָל פון דער פּוילישער מאַכט, ווי אַ פאָרקעמפערן קעגן באָלשעוויזם, און אין דער פאַרשאַרפטער באַציאונג פון דעם אידישן שאָוויניזם גופא צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין 1920-1918 איז אָט־די באַציאונג — צום סאָוועטן־פאַרבאַנד — געווען אַ צעשוואומענע, אָפּט־מאָל אַ באַציאונג פון שרייען הוראַ אַפילו, אויך אַף אַ צעיושעטן שאָוויניסטישן שטייגער. דער „פאָר־ווערטס" האָט געשריען: „טרי טשירס פאָר דהי באָל־שעוויקס" (דריי מאָל הוראַ פאַר די באָלשעוויקעס). די גאַנצע שאָוויניסטישע פּרעסע איז געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פונם פאַקט, וואָס די סאָוועטן־רעגירונג האָט געמאַכט אַ סוף צו די פּאָגראָמען. דער נאַציאָ־נאַלער מאָמענט האָט דאָ גענומען די אויבערהאַנט פון דעם סאָציאַלן. פון דער אַנדערער זייט, האָט נאָך דער אידישער שאָוויניזם שוואַך באַגריפן דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ניט גע־האָט דערזען, אַז דאָס איז מען געקומען מאַכן אַ סוף צום קאַפּיטאַליזם און צו יעדן סאָרט שאָוויניזם — אויך אידישן. אין דער זעלביקער צייט האָט דער

אידישער שאָוויניזם נאָך אויך ניט געהאַט באַגריפן ווי געהעריק די סאָציאַלע ראָל, די קלאַסן־ראָל פון אַ פילסודסקי און זיין אַרמיי. פונקט ווי גרויסע מאַסן אין פוילן זיינען מיטגעריסן געוואָרן פון די אימ־פעריאַליסטישע לאָזונגען פאַר אַ „גרויס־פוילן", מיט אירע „היסטאָרישע גרעניצן", אַזוי האָט דער אידישער שאָוויניזם באַנומען דעם אָנגריף פון פילסודסקי'ס לעגיאָנען ווי אַ נאַציאָנאַלן אָנגריף, ווי אַ קאַמף פאַר סתם אויסשפּרייטונג. דער אָנגריף אַף דער סאָוועטי־שער גרעניץ איז צונויפגעפּאָרט געוואָרן מיט די אָנ־גריפן אַף די גרעניצן פון דייטשלאַנד און ליטע. און דאָס איז דעם אידישן שאָוויניזם ניט געווען צום הארצן. האָט ער זיך אָפּגעריסן מיט אַ ראַסן־העצע קעגן „פּאָליאַקן" בכלל, און האָט אין דער זעלביקער צייט גענומען צום דינסט דעם — ריכטיקן — אַרגו־מענט, אַז די רעגירונג איז שולדיק אין די פּאָגראָמען.

אַנדערש אַצינד. די ראָל פון דער פילסודסקי־רעגירונג איז — אַ שאַרף־אויסגעשניצטע, ניט צוויי־דייטיקע, ראָל פון אַ וואַך־הונט פון קאַפּיטאַליזם, פון אַ פאָנען־טרעגער אין קאַמף קעגן קאָמוניזם, קעגן באָלשעוויזם, קעגן סאָוועטן־הערשאַפט. פילסודסקי איז פונקט אַזוי דער פאָנען־טרעגער פון די אידישע פאַבריקאַנטן און באַנקירן־ציוניסטן, ווי ער איז דער פאָנען־טרעגער פון דעם פוילישן פאַבריקאַנט, באַנקיר, ענ־דעק, ווי פון די קאַפּיטאַליסטן און שאָוויניסטן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

פילסודסקי קאָן האָבן סכסוכים מיט דמאָווסקי'ן (פירער פון דער נאַראָדאָווע־דעמאָקראַטיע), פונקט ווי הינדענבורג קאָן האָבן סכסוכים מיט היטלער'ן, פונקט ווי הואָווער קאָן האָבן סכסוכים מיט רוזוועלט'ן. דאָס זיינען סכסוכים אין דעם לאַגער פון קאַפּיטאַליזם גופא. אָבער די סכסוכים הערן אַבסאָלוט אויף, ווען עס האַנדלט זיך וועגן קאַמף קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָ זיינען זיי אַלע אייניק. דאָ איז אַ פילסודסקי דער פאָנען־טרעגער פון דמאָווסקי'ן און — פון גרינבוים'ען און דאַשינ־סקי'ן, דער פאָנען־טרעגער פון קאַפּיטאַליזם און שאָ־וויניזם און פון סאָציאַל־פאַשיזם פון אַלע נאַציעס.

מוז מען אים פאַרטיידיקן. קאָן ער ניט זיין אומ־גערעכט, וואָס ער זאָל ניט טאָן. ווייל וואָס ער זאָל ניט טאָן, טוט ער עס צוליב איין צוועק — אויפ־האַלטן דעם קאַפּיטאַליזם. און אויב מען דאַרף צוליב

דעם הויפט־צוועק באנוצן פאגראמען, ראסן האס, דארף מען! דער אידישער שאוויניזם האט זיך קיינ־מאל א קרים ניט געטאן איבער פילסודסקי׳ס פאגרא־מען אף די אוקראינער און ווייס־רוסן און דייטשן. די אידישע שאוויניסטישע פרעסע אונטערדריקט די פאקטן וועגן די אוקראינישע שחיטות, הגם זי איז ניט אף אזוי פיל פאליטיש פארטעמפט ניט צו באגרייפן, אז היינט־מארגן מוז קומען די ריי פאר שחיטות אף אידן. אבער מען פארשוויינט באוואוסטזיניק, און פונקט אזוי זוכט מען באוואוסטזיניק ריינצוואוואשן די ארבעט פון דער פוילישער רעגירונג.

ווייל — זי איז די איינציקע האפענונג פארן קא־פיטאליזם אין פוילן, און ניט נאר אין פוילן. זי איז די איינציקע האפענונג, אז מען זאל ביי די פאברי־קאנטן, באנקירן און הויזאייגנטימער און געשעפט־לייט ניט צונעמען דאס אייגנטום. צוליב אט־דעם, גרעסערן ציל, צוליב דער אויפהאלטונג פון דער קא־פיטאליסטישער רויב־סיסטעם, לוינט זיך שוין האבן פאגראמען פון צייט צו צייט, אויב דאס איז נויטיק אף איינשטילן די כוחות, וואס זוכן אינגאנצן אומ־צוברענגען — דעם קאפיטאליזם.

די העצע קעגן די קאמוניסטן

דער אידישער שאוויניזם האט פולשטענדיק אויפ־געדעקט זיין פאגראם־כאראקטער, ניט נאר דורך זיין ריינוואשן און פארענטפערן די פוילישע רעגירונג, נאר דורך זיין ווילדסטער העצע קעגן די איינציקע, וואס קעמפן קעגן פאגראמען — קעגן קאמוניסטן. דא האט ער אפן אילוסטרירט, אז די פאגראמען זיינען אן אינסטרומענט אין קאמף קעגן דער קאמוניסטישער באוועגונג.

די פוילישע מאכט האט, פארשטייט זיך, ניט פארפעלט באלד צו פארוואנדלען די פאגראמען, וואס זי אליין האט געהאלפן מאכן, אין א העצע קעגן דער רעוואלוציאנערער באוועגונג. געטריי צו אט דער טראדיציע און צו דער אלטער טראדיציע, אז פא־גראמירטע „פאגראמירן זיך אליין", האט די פאליציי און זשאנדארמעריע אין לעמבערג, ווארשע און ווילנע ארויסגעלאזט דעם געשריי, אז די קאמוניסטן זיינען שולדיק. אט־דעם געשריי האט ניט פארפעלט אויפ־צוכאפן א געטרייע דינערן פון דער פוילישער מאכט, די ציוניסטישע „אידישע טעלעגראפן־אגענטור" („איטא"). און די פרעסע פון דעם אידישן שאוויניזם

האָט ניט פאַרפעלט דעם בלוט־בלבול פאַרשפּרייטן.

אזוי האָבן דער „טאָג" און דער „פאָרווערטס" דעם 30טן נאָוועמבער געדרוקט די „איטא"־טעלע־גראַמע, אַז „מען פאַרדעכטיקט", אַז די שאַסן אַף דער אַנטיסעמיטישער לויה־פּראָצעסיע אין לעמבערג איז געווען אַ „קאָמוניסטישע פּראָוואָקאַציע".

אזוי האָט דער ציוניסטישער „טאָג" דעם 1טן דעצעמבער דערציילט אַף דער ערשטער זייט:

„מען גלויבט, אַז די נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטן האָבן פאַרלוירן דעם קאָנטראָל איבער זייערע אייגענע נאָכפאָלגער. דאָס נעמט מען דערפון, וואָס אַף די לעמבערגער גאַסן האָבן זיך באַוויזן קאָמוניסטישע פּראָקלאַמאַציעס. לויט איין ידיעה, האָבן זיך אויך קאָמוניסטן באַטייליקט אין דער פּליינדערונג פון די קראָמען."

דאָס זיינען ניט געווען קיין צופעליקע פּראָוואָקאַציעס קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, נאָר אַ טייל פון אַ ליניע.

דעם 3טן דעצעמבער דרוקט דער „טאָג" אַף דער ערשטער זייט אַזאַ טעלעגראַמע פון דער ציוניסטישער „איטא":

„היינט זיינען דאָ פאַרשפּרייט געוואָרן פּראָקלאַמאַציעס, מיט וועלכע מען ווענדט זיך צו דער פּאָליציי, אַז זי זאָל גאָרניט טאָן אָפּצושטעלן די ראַיאָטן. די פּראָקלאַמאַציעס זיינען פון קיינעם ניט אונטערגעשריבן. אין געוויסע קרייזן האַלט מען די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציעס פאַר אַ קאָמוניסטישער פּראָוואָקאַציע. אין אַנדערע קרייזן איז מען אָבער זיכער, אַז זיי קומען פון דער נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישער הויפּט־קוואַרטיר, און מיט זיי ווילן די ענ־דע׳קעס קריגן די פּאָליציי אַף זייער זייט."

ווי יעזואיטיש־כיטרע און אויסגערעכנט דער אידישער שאָוויניזם האָט געאַרבעט! מען טראַכט אויס בלוט־בלבולים אַף דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און מען זוכט זיך אויך צו באַוואָרענען פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, ווען די מאַסן וועלן דערזען, אַז דאָס איז געווען אַ געמיינע פאַבריקאַציע. און אין דער זעלביקער צייט זוכט מען צו ריינוואַשן סיי די דמאָווסקים, און סיי פּילסודסקי׳ס פּאָליציי. איינמאָל דערציילט מען, אַז די פירערשאַפט פון דער נאַראָדאָוועדעמאָקראַטיע האָט געבעך פאַרלוירן דעם קאָנטראָל

איבער אירע נאָכפאָלגער — צו פאַרענטפערן דמאָווס־קי׳ן — און אַן אַנדער מאָל דערציילט מען, אַז מען „זוכט" צו קריגן די פּאָליציי אויף דער זייט פון די פּאָגראָמשטשיקעס — צו פאַרענטפערן די פּאָליציי, וועלכע מען האָט, הייסט עס, „געזוכט" און פאַרפירט...

מיט זיינע געמיינע, שענדלעכע בלבולים קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, ווי מיט זיין שטיצן פּילסודסקי׳ן, האָט דער אידישער שאָוויניזם דעמאַנסטריט זיין גוט־הייסונג פון די פּאָגראָמען, ווי אַ קלאַסן־מיטל. דערמיט האָט ער אָבער געהאָלפן אונטערשטרייכן, אַז עס איז פאַראַן נאָר איין קראַפט, וואָס איז אויף לעבן און טויט אַ שונא פּאָגראָמען. דאָס איז — די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

עס האָט זיך קוים געפונען אַן ארבעטער, אפילו אַ פאַרפירטער ארבעטער, וואָס זאָל ניט האָבן באַגריפן גלייך אויפן מאָמענט, אַז די שאָוויניסטישע רייד קעגן די קאָמוניסטן זיינען אַ בלבול. אויך דאָס איז שוין אַלף־בית פון דער לאַנג־יאָריקער פּאָגראָם־געשיכטע, אַז אומעטום איז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג דער שונא פון די פּאָגראָמען. (וואָס שייך דער „קאָמוניסטישער פּראָוואָקאַציע" בעת דער לויה־פּראָצעסיע, האָט זיך באַלד ארויסגעוויזן, אַז קיינער האָט ניט געשאָסן, נאָר אַז אַ כוליגאַנישער סטודענט — און אַ מיטגליד פון אַ פּילסודסקי־אָרגאַניזאַציע! — איז פאַרוואונדעט געוואָרן פון זיינעם אַן אייגענעם גראַנאַט). און די ווייטערדיקע פאַקטן, וואָס זיינען אָנגעקומען פון פּוילן, האָבן, פאַרשטייט זיך, באַשטעטיקט, אַז די קאָמוניסטן זיינען, ווי אַלעמאָל, שאַרף ארויסגעטראָטן קעגן די פּאָגראָמען און די פּאָגראָמשטשיקעס, און זיינען דערפאַר צום שאַרפסטן פאַרפאָלגט געוואָרן פון פּילסודסקי׳ס פּאָליציי.

פּאָגראָמען זיינען אַ קלאַסן־מיטל אין די הענט פון קאַפּיטאַליזם. אין אַמעריקע האָבן מיר צו טאָן מיט לינטשערייען אויף נעגערס, שחיטות אויף נעגערפאַרמערס, מאַסן־פּאָגראָמען אויף נעגערשע קווארטאַלן. אַזעלכע פּאָגראָמען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן באַלד נאָך דער מלחמה, ווען צווישן דער יוגנט, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון פראַנקרייך, האָט געהערשט אַן אומרואיקייט און ווען גרויסע מאַסן זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען סטרייקכוואַליעס האָבן זיך אַריבערגעטראָגן איבער אַמעריקע.

יעדע קאפיטאליסטישע מאכט, וואס הערשט איבער נאציאנאלע מינדערהייטן, איבער מינדערהייט־ראסן, באנוצט פאגראמען און ראסן־שחיתות ווי א מיטל צו צעטיילן די ארבעטער, ווי א מיטל אפצוציען דעם צארן קעגן איר אין אן אנדער ריכטונג. דאס זיינען עלעמענטארע באגריפן. און דאס איז שוין באשטעטיקט געווארן פון פופצן יאר אקטאבער־רעוואלוציע, אז נאר דארט וואו דער ארבעטער־קלאס נעמט איבער די מאכט, ווערן אפגעשאפט פאגראמען, ראסן־שחיתות, שאוויניזם, עקאנאמישע דיסקרימינאציעס, און עס ווערט געליזט די גאנצע נאציאנאלע פראגע.

דעם קאמף קעגן פאגראמען אין פוילן איז ניט אפצוטיילן פון דעם קאמף קעגן פאשיזם — פוילישן, אידישן, צי אנדערן — פונם קאמף קעגן דער קאפיטאליסטישער סיסטעם, פונם קאמף פאר סאוועטן־מאכט. די לעצטע געשעענישן אין פוילן האבן קלאר אוועקגעשטעלט אף איין זייט פון דער באריקאדע די פילסודסקים, דמאווסקים, די כוליגאנישע סטודענטן, דעם ציוניזם, דעם אידישן און ניט־אידישן סאציאל־פאשיזם, — עלעמענטן, וואס זוכן אויפצוהאלטן די געזעלשאפט פון עקספלואטאציע, און רויב, און מארד, און פאגראמען, און מלחמות, און לינטשערייען. אף דער אנדערער זייט פון דער באריקאדע שטייען די ברייטע מאסן פון די אונטערדריקטע נאציאנאלע מינדערהייטן צוזאמען מיט דעם גאנצן ארבעטער־ און פויערים־קלאס, געפירט פון דעם רעוואלוציאנערן אוואנגארד, פון דער קאמוניסטישער פארטיי, געפירט אין א ביטערן, אומ'ברחמנות'דיקן קאמף קעגן פאגראמען און ראסן־האס, און דיסקרימינאציע, און פאשיזם, און אונטערדריקונג, קעגן מאסן־מארד דורך עקספלואטאציע און ארבעטלאזיקייט און הונגער־נויט, געפירט אין א קאמף צו מאכן א סוף פונם קוואל פון אלע איבלען — די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט.